בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**פרשת נח, ד חשון תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון ו'**

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.....5:35
מוצאי שבת קודש.....7:04

## א מעשה פון תפלה

### מרדכי הייםליך

ערב יום טוב האט מיין וואסער אויפגעהערט ארבעטן, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן "באשעפער פארשעם מיך נישט, העלף מיר איך זאל האבן וואסער אויף יום טוב" איך האב פראבירט איין וועג עס צו פיקסן אבער עס האט זיך נישט אנגעצינדן, איך האב פראבירט אויף נאך א אופן אבער עס האט ווייטער גארנישט געהאלפן, און אזוי בין איך אריין אינעם יום טוב אן קיין וואסער, יום טוב אינדערפרי שטיי איך אויף איך גיי צו צום סינק און... עס ארבעט ברוך השם עס קומט ארויס וואסער, שכח אייבערשטער!

### אברהם הערש וועבערמאן

אזוי ווי די ראש ישיבה איז דא געווען אויף שבת האב איך זייער שטארק געוואלט אנקומען צו די באטע אבער איך וואוין זייער ווייט פון די דירה ווי די ראש ישיבה איז איינגעשטאנען און אויך איז עס פאר מיר חוץ לתחום, אבער בעטן דעם אייבערשטן שאדט נישט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנקומען צו די באטע פרייטאג צונאכטס, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז די ראש ישיבה האט געפרעגט די אינגעלייט ווי מען זאל מאכן די באטע און די אינגעלייט האבן געזאגט מען זאל עס מאכן פונקט אינמיטן דעם שטעטל, אזוי האב איך מיט נאך אינגעלייט וואס וואוינען ווייט געקענט אנקומען צום באטע ברוך השם.

### יעקב משה אינדארסקי

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פארגאנגענעם שבת אז איך זאל אויפשטיין זעקס אזייגער אינדערפרי כדי צו קענען גיין אויפוועקן די ראש ישיבה און ברוך השם איך האב מיך אויפגעוועקט זעקס אזייגער

**מודעה**

שחרית יעדן טאג.....7:15
מנחה יעדן טאג.....25 מינוט פאר'ן זמן
דף גמרא שיעור.....8:30 ביינאכט
מעריב יעדן טאג.....9:00

## נייעס אין שטעטל

די פארגאנגענע שבת פרשת בראשית האבן מיר געהאט די זכיה צו האבן צוגאסט די חשובע ראש ישיבה שליט"א. גלייך ביים זמן איז שוין די עולם זיך צאמגעקומען אפווארטן דעם חשובן גאסט, צוזאמען האט מען געדאווענט א געשמאקן דאווענען. שפעטער איז פארגעקומען די באטע אין שטוב פון מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו [פולע דרשה אויף עמוד ב'].

שבת צופרי איז פארגעקומען א שיעור אין ספר פעולת הצדיק [פולע דרשה אויף עמוד ב']. צו שחרית איז די ראש ישיבה שליט"א צוגעגאנגען צום עמוד, נאך שחרית איז פארגעקומען די קידוש ווי מען האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות [פולע דרשה אויף עמוד ב'].

פאר שלש סעודות האט די ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא אין בבלי מסכת נדה. שלש סעודות איז פאראיבער גאר דערהויבן מיט גאר א שיינע שלש סעודות תורה [פולע דרשה אויף עמוד ב'].

נאך מעריב האט די ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף ירושלמי מסכת שבת, נאכ'ן שיעור איז געווען א שטיקל שיעור התחזקות [פולע דרשה אויף עמוד ב']. מלוה מלכה איז פארגעקומען פאר די איינגעשטעלטע אין די מוסד ווי די ראש ישיבה האט זיי מחזק געווען אנצוגיין מיט זייער הייליגע ארבעט

**הרחמן הוא ינחילנו ליום שכלו שבת ומנוחה.**

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר אויפנעמן האברך החשוב

**ר' הילל ווייס נ"י וזוגתו תחי'**

וואס זענען געקומען וואוינען דאהי אין ברסלב'ע שטעטל.

די אייבערשטער זאל העלפן ער זאל מצליח זיין דא אין שטעטל און זעהן אסאך נחת פון די קינדער.

# שבת בראשית מיט די
# ראש ישיבה שליט"א

**באטע שיעור:** אונזער הצלחה דא אין שטעטל איז נאר געווענדן אויב מען וועט זיך האלטן צוזאמען באחדות איינער מיט'ן צווייטן, אז איינער האט דיר אריינגעזאגט ווער נאך נישט אויפגערעגט אויף יענעם, יענער האט גארנישט געמיינט קיין שלעכט'ס, און דאס איז אויך נוגע אין שטוב אויב דיין ווייב האט דיר עפעס אריינגעגעבן ווער נישט אויפגערעגט אויף איר. אויך האט מען ארומגערעדט וויאזוי עס האט זיך אנגעהויבן בויען מוסדות סאטמאר דאהי אין אמעריקא - ביי ר' יודל ראזענבערג ז"ל אינדערהיים מיט 6 קינדער אין איין גמרא וואס די סאטמאר רבי זי"ע האט אים געגעבן, זומער האט מען געלערנט אין פראספעקט פארק [באוויסטע בילד] די רבי האט זיך בעיקר געזארגט פאר מוסדות און נישט פאר א גרויסע שול. אויך האט מען גערעדט פון נישט אריינברענגן קיין אינטערנעט אינדערהיים און ווער עס וועט פאלגן וועט זעהן נחת פון די קינדער, אזוי ווי דעי אלע וואס האבן געפאלגט די ערליכע אידן אין די ערשטע יארן אין אמעריקא און נישט אריין געברענגט אינדערהיים קיין טעלעווישאן - האבן מצליח געווען מיט די קינדער.

**שיעור פעולת הצדיק:** די הייליגע רבי נתן ז"ל איז מקורב געווארן דורך ר' ליפא, ער האט אים געזעהן זאגן די לעצטע שטיקלעך פון סליחות מיט א געשמאק און רבי נתן גייט צו צו אים און פרעגט אים ביי וועלעכע גוטע איד דרייסטו זיך? זאגט ער אז ער איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן איז ער אויך מיטגעקומען מיט ר' ליפא צו פארן צום הייליג'ן רבי'ן. זעהט מען פון דעם אז א שיינע התנהגות פון א מענטש קען מקרב זיין נאך מענטשן צום אייבערשטן, די ראש ישיבה האט ארומגערעדט די שיינקייט פון זאגן א שכח אויף יעדן פלאץ ווי מען איז, צו אין גראסערי צו אין בית המדרש פאר'ן שמש און אזוי ווייטער.

**סיפורי מעשיות:** פארגעלערנט די אכטע מעשה רב ובן יחיד ווי די זוהן האט נישט געשפירט א טעם אין זיין דאווענען און לערנען, האט ער געטראפן צוויי אינגעלייט וואס האבן אים ג'עצה'ט צו קומען צום רבי'ן, ער האט געבעטן זיין טאטע ער זאל אים לאזן גיין צום רבי'ן אבער די טאטע האט געזאגט אז עס פאסט נישט ווייל ער איז מער למדן און יחסן פון אים; **אזוי פאסירט היינט אויך,** ביז די טאטע האט מסכים געווען אויב אלעס אויפ'ן וועג צום רבי'ן וועט זיך פירן גוט; **וואס דאס איז באמת נישט די ריכטיגע וועג צו קיקן ווען מען פארט צו א צדיק, וואס מען דארף גיין אפילו עס איז דא שוועריקייטן אינמיטן וועג.** די ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון די שיינקייט פון האבן א הייליגע פלאץ ווי עס אינטעסירט נאר תכלית און עס אינטערסירט נישט קיין שום פאליטיק, ווי מען קען היינט זעהן קהלות וואס עס איז קוים דא מענטשן אבער די פאליטיק איז עפעס וואס מאכט עס אויסקיקן ווי עס איז דא טויזענטער מענטשן, און אז איינער פרעגט דיר צו וועמען באלאנגסטו באמת? זאלסטו אים זאגן "באמת באלאנג איך אין בית החיים" דארט קומט יעדער אן צו מען וויל יא אדער נישט.

**שלש סעודות:** די לעצטע צוויי יאר פון דעם רבי'ן האט ער נאר גערעדט פון אמונה אז מען זאל לעבן מיט אמונה און צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן, בפרט דא אין שטעטל ווי די גאנצע שטעטל איז איין גרויסע וואלד איז דאך ממש א מחיה צו רעדן צום אייבערשטן, חוץ פון דעם וואס מען בעהט דעם אייבערשטן א גאנצן טאג ווי אימער מען איז ווי למשל אויפ'ן וועג בעט מען אז א הערש זאל נישט אריינקראכן, דארף מען אויך זיך אויסשמיסן מיט'ן אייבערשטן צו פיר איך זיך גוט אדער נישט.

**נאך די ירושלמי שיעור:** די הייליגע בעלזער רב זי"ע פלעגט זאגן מוצאי שבת "א גוטע וואך איז א דף גמרא" דארף מען טאקע זעהן צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג, בפרט אז אונז האבן די דרך הלימוד פון רבי'ן איז עס מעגליך פאר יעדן איינעם צו טוהן, און די מציאות פון די לעצטע 12 יאר וואס די ישיבה שטייט האט מען געזעהן אז אפילו נישט די געזונסטע בחורים האבן זיך אינגאנצן אויסגעהיילט און געווארן געזונטע מענטשן און שיין חתונה געהאט.

**מלוה מלכה:** מען קען זיך נישט פארשטעלן די גרויסקייט פון זיין א מלמד אדער א טיטשער, יעדער מיטשעט זיך אין לעבן אבער וואויל איז דעי מענטש וואס ער לייגט אריין זיין אלע כוחות צו מחנך זיין קינדער וואס דאס איז די גרעסטע זאך וואס א מענטש קען טוהן.

HURLEYVILLE
LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM